**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/19/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול מעלדט אנהויב פון 2025 ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל איניציאטיוו**

***נייע ACHIEVE פארמעסט וועט שענקען 150 מיליאן דאלאר צו שטיצן הויכע-אימפעקט טראנספארמירנדע ראיאנישע איניציאטיוון***

***גאווערנאר האקול שטעלט נייע טשער פון די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס***

***ניו יארק סטעיט קאנסאלידעיטעד פינאנצירונג אפליקאציעס יעצט אפען ביז יולי 31 מיט פינאנצירונג עוועילעבל פון מער ווי 20 פראגראמען***

***REDC 2025 איניציאטיוו וועג-ווייזער ביכל צו באקומען [דא]()***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן די אנהויב פון די 2025 ראיאנישע קאונסיל עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל איניציאטיוו ( Regional Economic Development Council Initiative, REDC). זייט 2011, איז די REDC די גרינדשטיין פון א פון-אונטן-ארויף צוגאנג צו עקאנאמישע אנטוויקלונג וואס ערמעגליכט די סטעיט'ס 10 קאונסילס צו שטיצן פראיעקטן וועלכע טוען פאראויסרוקן סטראטעגישע ראיאנישע און סטעיט פראיריטעטן. ניי פאר 2025 איז די גאווערנאר'ס 150 מיליאן דאלאר 'פאראויסרוקנדיג צוזאמענארבעט פאר הויכע-אימפעקט איניציאטיוון פאר עקאנאמישע וויזיעס און אויסברייטערונג' ( Advancing Collaboration for High-impact Initiatives for Economic Visions & Expansion) פארמעסט — ACHIEVE — געצילט צו געבן די כח פאר די REDC'ס צו פאראויסרוקן שנעלע עקאנאמישע אנטוויקלונג פראיעקטן געשטיצט דורך פארבעסערטע אויספירונג פינאנצירונג צו געבן די ערשטע שטופ פאר ראיאנישע וואוקס. אין צוגאב, האט די גאווערנאר היינט געמאלדן די שטעלונג פון ניו יארק סעקרעטאר פון סטעיט ( Secretary of State) Walter T. Mosley (וואלטער ט. מאוזלי), אלס טשער פון די REDC איניציאטיוו.

"די איבערגעגעבענע ארבעט פון די ראיאנישע עקאנאמישע אנטווילונג קאונסילס, געצילט צו מוטיגן פובליק-פריוואטע צוזאמענארבעט, האט געהאט א טראנספארמירנדע אפעקט לענגאויס ניו יארק סטעיט," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "די ראיאנישע פלענער וועלן שטיצן די צילן פון די נייע ACHIEVE פארמעסט, שאפנדיג אינוועסטירונג געלעגנהייטן וואס וועלן העלפן בויען א מער סוסטעינעבל, מוצלח'דיגע צוקונפט פאר אלע ניו יארקער."

**ניו יארק סעקרעטאר פון סטעיט Walter T. Mosley (וואלטער ט. מאוזלי) האט געזאגט,** "איבער די לעצטע יאר, ווען איך האב ארומגערייזט לענגאויס די גרויסע סטעיט, האב איך ערשט-האנטיג צוגעזעהן די געוואלדיגע ארבעט פון די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס, און איך זעה עס אלס א כבוד צו העלפן פירן די געלערנטע און איבערגעגעבענע גרופע מענטשן. צאמברענגען ביזנעסער און אקאדעמיע

צו ארבעטן צוזאמען איז אלעמאל געווען א מאדעל פאר הצלחה. איך דאנק גאווערנאר Hochul (האקול) פאר איר אנגייענדע שטיצע."

**עמפייער סטעיט אנטוויקלונג (Empire State Development) פרעזידענט, CEO און קאמישענער Hope Knight (האופ נייט) האט געזאגט,** "די ראיאנישע קאונסילס זענען גאר וויכטיג צו פאראויסרוקן די סטעיט'ס עקאנאמישע פריאריטעטן - ספעציעל לאקאל, וואו זיי טוען פיל מאל האבן די גרעסטע פאזיטיווע השפעה אויף טאג-טעגליכע ניו יארקער. די היי-יעריגע רונדע פון מולטי-אגענטור פינאנצירונג, וואס רעכנט אריין גאווערנאר Hochul's (האקול) נייע און איניוואטיווע ACHIEVE איניציאטיוו, וועט לייגן געוויכט אויף סטראטעגישע אינוועסטירונגען פאר הויכע-אימפעקט פראיעקטן וואס ברענגען טראנספארמירנדע וואוקס אין קאמיוניטיס דורכאויס ניו יארק סטעיט."

**ACHIEVE פארמעסט**

די ACHIEVE פארמעסט וועט ליידענען יעדער REDC צו פארשטעלן א טראנספארמירנדע ראיאנישע איניציאטיוו, און די שטערקסטע פארשלאגן וועלן באקומען ביז צו 50 מיליאן דאלאר אין אויספירונג פינאנצירונג צו פאראויסרוקן וויכטיגע פראיעקטן. oREDC קענען אויך באשליסן זיך צאמצושטעלן אויף א צוזאמענארבעטנדע מולטי-ראיאנישע פארשלאג פאר ביז 75 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג. ראיאנען וועלן ארבעטן צוזאמען מיט לאקאלע סטעיק-האלטער צו אנטוויקלען א פראקטישע ראוד-מאפע וואס ענטהאלט הויכע-אימפעקט, גרייט-אנצופאנגען פראיעקטן און ראיאנישע צוזאמענארבעט צו ארויסהעלפן די איינפירונג פון די פראיעקטן. די ACHEIVE פארשלאגן וועלן פארגעלייגט ווערן פאר א סטראטעגישע איינפירונג אפשאצונג טיעם (Strategic Implementation Assessment Team) צאמגעשטעלט פון מיטגלידער פון די גאווערנאר'ס קאבינעט וואס וועט אידענטיפיצירן די געווינענדע ראיאנען פאר 2025.

**ראיאנישע קאונסיל קאפיטאל פאנדס**

ביז 60 מיליאן דאלאר אין ראיאנישע קאונסיל קאפיטאל פאנדס (Regional Council Capital Funds) וועלן זיין עוועילעבל אין די 2025 קאנסאלידיטעד פינאנצירונג אפליקאציע ( Consolidated Funding Application, CFA) צו ערמעגליכן פראיעקטן וואס טוען פאראויסרוקן יעדער ראיאן'ס סטראטעגישע פלאן און סטעיט פריאריטעטן. די 60 מיליאן דאלאר עוועילעבל רעכנט אריין ביז 8 מיליאן דאלאר אין קאפיטאל פינאנצירונג פאר טוריזעם-פארבינדעטע פראיעקטן, וואס פלעגט צוגעשטעלט ווערן דורך די מארקעט ניו יארק קאפיטאל גרענט (Market New York Capital Grant) פראגראם, געאייגנט צו שטיצן קאפיטאל אינוועסטירונגען וואס וועלן פארשטערקערן די סטעיט'ס טוריזעם איניציאטיוון.

**קאַנסאַלידעיטעד פאַנדינג אפליקאציע**

די CFA פארטעל איז יעצט אפען פאר די 2025 פראגראמען דא. פאר פראגראמען וואס דארפן נאכקומען די דעד-ליין, מוזן אפליקאציעס ווערן אריינגעגעבן ביז דאנערשטאג, יולי 31 ביז 4 p.m. אפענע איינשרייבונג פראגראמען דארפן נישט נאכקומען די יולי 31 דעד-ליין און וועלן ווייטער אנעמען אפליקאציעס אויף אן אנגייענדע פארנעם ביז די געלט ווערן אויסגענוצט. די REDC 2025 וועג-ווייזער ביכל, די 2025 ריסאורסעס עוועילעבל, און אנדערע וויכטיגע דאקומענטן קען מען באקומען דא.

די ראיאנישע קאונסילס וועלן אויסשטעלן די פראיעקטן אריינגעגעבן דורך די קאנסאלידיטעד פינאנצירונג אפליקאציע (CFA), די סטעיט'ס גרינגער אפליקאציע פאר סטעיט ריסאורסעס וואס נעמט אריין פראגראמען פון פיל-צאליגע אגענטורן, אין א סדר לויט וועלכע זענען די בעסטע. דאס יאר, נעמט די CFA אריין גרענט געלטער און שטייער קרעדיטס עוועילעבל דורך מער פון 20 פראגראמען אנגעפירט דורך אכט סטעיט אגענטורן און אטאריטעטן. ראיאנישע קאונסילס וועלן איבערקוקן פראיעקטן און גיבן א צייכן וואס שפיגלט אפ ווי גוט א פראיעקט איז אין ליניע מיט די ראיאן'ס ציהלן און סטראטעגיעס.

די CFA ווארק-שאפס וועלן אפגעהאלטן ווערן דורכאויס די סטעיט פאר אפליקאנטן זיך צו באטייליגן און לערנען וועגן פראגראמען צוגעשטעלט דורך די REDC איניציאטיוו און אנדערע סטעיט פראגראמען. א פולע סקעדשול פון ווארק-שאפס קען מען באקומען דא.

די REDC פראצעדור זעצט פאר צו שטיצן און פארשטערקערן ראיאנישע פאראינטערעסירטע פארטייען אינעם אנטוויקלען סטראטעגישע פלענער און פינאנצירונג פריאריטעטן וועלכע קומען נאך די לאקאלע עקאנאמישע באדערפענישן. ביז היינט, דורך די REDC איניציאטיוו, איז מער ווי 8 ביליאן דאלאר שוין געשאנקען געווארן פאר מער ווי 10,000 דשאב-שאפונג און קאמיוניטי אנטוויקלונג פראיעקטן אין איינקלאנג מיט יעדער ראיאן'ס סטראטעגישע פלאן.

**ראיאנישע סטראטעגישע פלאנירונג פראצעדור**
די 10 oREDC ווערן געפירט דורך זייערע ראינישע סטראטעגישע עקאנאמישע אנטוויקלונג פלענער, וועלכע לייגן געוויכט אויף יעדער ראיאן'ס אייגנארטיגע בענעפיטן און שטעלן צו סטראטעגיעס צו איינשפאנען לאקאלע ריסארוסעס צו פאראויסרוקן ראיאנישע וואוקס און שאפן דשאבס לענגאויס די סטעיט. אין 2025, וועט יעדער ראיאנישע קאונסיל באקומען די אויפגאבע פון שאפן א יערליכע באריכט וואס ברענגט ארויס די צושטאנד פון זייער ראיאן, מאכט א סך-הכל פון וויאזוי זיי טוען איינפירן די קאונסיל'ס סטראטעגישע פלענער, און שטעלט פאר זייער ACHIEVE איניציאטיוו פארשלאג.

**איבער די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס ( Regional Economic Development Councils)**
דער ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל איניציאטיוו איז א הויפט שטאנדטייל פון די סטעיט׳ס צוגאנג צו סטעיט אינוועסטירונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג. אין 2011, זענען 10 ראיאנישע קאונסילס זענען אוועקגעשטעלט צו אנטוויקלען לאנג-טערמיניגע סטראטעגישע פלענער פאר עקאנאמישע וואוקס פאר זייער ראיאנען. די קאונסילס זענען פובליק-פריוואטע צוזאמענארבעטשאפטן צוזאמענגעשטעלט פון ארטיגע מומחים און סטעיקהאָלדערס פון ביזנעס, אקאדעמיע, ארטיגע רעגירונג, און נישט-רעגירונג ארגאניזאציעס. די ראיאנישע קאונסילס האבן אויפדאסנייי אויסגעטייטשט די וועג וואס ניו יארק אינוועסטירט אין דזשאבס און עקאנאמישע וואוקס דורך שטעלן אין פלאץ א קאמיוניטי-באזירטע, פון-אונטן-ארויף צוגאנג און אוועקשטעלן א פארמעסטערישע פראצעס פאר סטעיט רעסאָרסעס. לערנט מער אויף regionalcouncils.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן